בס"ד

# וועד הכשרות

**ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות**

**דהתאחדות הקהילות**

**בחשתתפות הרבנים וחקהילות**
**ולומדי תורה דניו יארק**

בפיקוח הרב הגאון
מו"ה הרב ר' **שלו' יודא גראס** שליט"א
אבדק"ק **האלמין** יצ"ו

# טראַך טראַך די הימעל פאַלט אַראָפ

## סודות פון חדר

## די לעצטע נייעס פון דעם הויפט מאכיל טריפות אין אמעריקא, מיל מארט

צוויי גרויסע תלמידי חכמים וואס זענען אין ביזנעס, זענען געגאנגען מאכען ביזנעס מיט א גרויסע גויאישע קאמפאני, זיי זיצן ביים טיש, אינמיטן קומט אריין א טלפון און דער בעל הבית זאגט אופן טלפון מיסטער וויינשטאק איך דארף האבן זעכציג טויזענט טשיקען פאר וויפיל קענסטו מיר דאס געבען? פער-דא גיט מיר פאר 43 סענט א פונט, קענסטו דאס מאכן ביליגער?, און ער האט אנגענומען דעם ארדער.

נאך דעם ווי דער שחור לייגט אראפ דעם טלפון פרעגן די צוויי ת"ח דעם שחור, די האסט גערעט מיט מיל מארט? ענטפערט ער יא!, זיי פרעגען אים ער פארקויפט דיר אזוי ביליג אז דו דארפסט אנקומען צו אים?, האט ער געזאגט אז ער קויפט ביי אים אסאך מאל, ווייל ער פארקויפט אים ביליגער ווי די גרעסטע קאמפאני פער-דא אין אמעריקא פארקויפט!

איך וויל נישט אריינגיין אין זיין נאמנות וואס ער פארקויפט כשר מיט טריפה וכו'.

די שאלה איז גאר אן אנדערע, אז דער סוחר האנדעלט מיט אזעלעכע קוואנטומס טריפענע פליישן, ווער ווייסט, ער קען דאך נעמען פלאמבעס און ארויף לייגן אויף מיליאנען עופות און פארקויפן פאר ערליכע אידן, אין קיינער וועט קיינמאל נישט וויסן, ווייל דער רב המכשיר קוקט דאך איהם בכלל נישט נאך, און ווי באקאנט אז זיינע פלאמבעס זענען דאך אלס געווען הפקר.

די רבנים המכשירים אינם יודעים בין ימינם לשמאלם אין כשרות,

**ירא הקהל וישפוט**

**וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות**
**דארצות הברית וקאַנאַדא**